# פרשת קרח

**בס"ד. משיחת יו"ד שבט ה'תשמ"ג**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

לויט דאס אלע דערמאנטען, ווערט דאך לכאורה ניט פארשטאנדיק: בשעת מ'קלייבט זיך צוזאמען אין צוזאמענהאנג וואס ס'איז געווען א הסתלקות –

וואס הסתלקות איז דאך לכאורה פונקט דער היפך פון חיים. על אחת כמה וכמה דער היפך פון חיים אין דער פולסטער מאס מיטן גאנצען מרץ וואס ס'איז אים נויטיק און וואס מ'גיט א מענטשן;

א הסתלקות איז לכאורה אויך א היפך פון שמחה, וואס דערפאר איז דאך דאס פארבונדן מיט פארשידענע מנהגים וואס זיי באווייזן ניט אויף שמחה –

און דא זאגט מען אז אידן קלייבן זיך צוזאמען, אזוי ווי ס'איז געווען א עניין פון **הסתלקות**, מיט דער **כוונה** אז (דער) פון דעם צוזאמענקלייבן זיך זאל זיי האבן נאך מער כח און נאכמער **לעבעדיקייט** און נאכמער **שמחה** אויף דורכפירן זייער שליחות.

איז דאך דער ענטפער (דערפון, ווי ערקלערט אויך) דערויף ווי ערקלערט אויך פון בעל ההילולא, ומיוסד – באגרינגדעט – אויף כמה מאמרים אין גמרא און אין מדרשים ביז אין פסוקים אין תורה שבע"פ [שבכתב],

ובלשון המשנה "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו", ובלשון הגמרא אז "גם זה לטובה", ובלשון הפסוק אז ס'איז דא "יתרון האור מן החושך", וואס דאס אונטערשטרייכט אז מ'נעמט א זאך וואס לכאורה איז דאס חשך, און דאס נוצט מען אויס אויף מאכן אור, נאר אדרבה: וויבאלד אז דאס איז "מן החשך" ווערט דאס נאך א "יתרון האור" – א שטארקערע ליכטיקייט,

דערפון אויך פארשטאנדיק אז בשעת מ'איז זיך מתבונן אז דער אויבערשטער פירט אן מיט אלע ענינים, איז דאך זיכער די הסתלקות-הילולא געווען אויך א פעולה פון דעם אויבערשטן.

צוזאמען דערמיט, שטייט בתקפו מיט די גאנצע שטארקייט, דער אנזאג פון דעם אויבערשטן, אז ס'זאל זיין "עבדו את ה' בשמחה" – אז מ'זאל אים דינען, וואס דינען דעם אויבערשטן דארף מען דאך שטענדיק, וויבאלד "אני נבראתי לשמש את קוני", איז יעדער רגע וואס א מענטש לעבט, דערמאנט דאס – דארף דאס אים דערמאנען, און וויבאלד אז ער איז א בעל שכל דערמאנט דאס אים, אז "נברא לשמש את קוני", און "לשמש את קוני" האט דער אויבערשטער אנגעזאגט אין תורה אז ס'דארף זיין כאמור "עבדו את ה' בשמחה".



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת קרח

איז אט דאס גופא א הוכחה – א באווייז – אז אין דערויף איז ניטא קיין סתירה, ווי אויך פארשטאנדיק לאחר ההתבוננות, אז בשעת ס׳דא א הסתלקות, איז דאך ניט חס-ושלום אז די נשמה ווערט אויס מציאות, [ווארום] די נשמה איז א נצחית,

נאכמערער איז זעלבספארשטענדליך: אז אין יעדער מענטשן, ובפרט ביי א אידן, א נשיא בישראל, איז די נשמה נצחית אין דעם ענין הנשיאות, דאס הייסט אויף אויפטאן אין דער וועלט, ובלשון הגמ׳ "מה עד כאן עומד ומשמש" איז "אף להלן עומד ומשמש" –

אַ נשיא בישראל, אפילו נאך די הסתלקות, זאגט מען אז וויבאלד אז זיין שליחות אין וועלט איז געווען אויף אנפירן און דורכפירן און העלפן יעדערן דורכפירן זיין שליחות אין וועלט, אז זי זאל מתאים זיין צו זיין א דירה און א גן פארן אויבערשטן,

איז בשעת די נשמה גייט ארויף למעלה, איז ניט דער ענין בזה איז אז זי געפינט זיך למעלה און זי איז אוועקגעגיינגען פון למטה –

נאר אדרבה – ווי דער אלטער רבי ברייננגט אין זיין אגרת הקודש פון זהר, אז "צדיקא דאסתלק אשתכח בכולהו עלמין יתיר מבחיוהי", אז ביי הסתלקות פון א צדיק ובפרט פון א נשיא, "ועמך כולם צדיקים" – געפינט ער זיך נאכמערער (ווי ער האט זיך...) אין דעם ארט וואו ער איז געווען פריער דער נשיא, נאכמערער ווי ס׳איז געווען "בחיוהי" נשמה בגוף,

וויבאלד אז (ס׳פאלן) ס׳פאלן דעמאלט אפ די באגרענצוגען וואס דער גוף האט אים באגרענעצט, ער האט ניט געקענט זיין – לדוגמא – בבת אחת אין פארשידענע ערטער, מה שאין כן לאחרי ההסתלקות איז בשעת (ווי..) ווי אין נדון דידן, אז מ׳קלייבט זיך צוזאמען יו"ד שבט, געפינט זיך די נשמה פון דעם בעל ההילולא אין יעדער ארט וואו מ׳קלייבט זיך צוזאמען און מ׳חזר׳ט אווארט – א תורה פון זיין לערנונג, און דער עיקר "המעשה הוא העיקר", מ׳נעמט דערפון ארויס אן אפלערנונג ווי אזוי צו טאן אין מעשה בפועל, לויט זיינע אנווייזונגען אויף צוגעבן אין גוטסקייט און אין ליכטיקייט און אין פרייליכקייט און אין הייליקייט אין דער גאנצער וועלט,

אנהויבנדיק פון זיך אליין, און פון דער סביבה ארום זיך.

וואס דאס פארענטפערט אויך אז אף על פי וואס לכאורה איז דאך דאס א מאורע וואס איז פארבונדן מיט היפך החיים, איז בשעת ס׳רעדט זיך און (מ׳..)מ׳איז זיך מתבונן, אז דער עיקר פון א



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת קרח

מענטשן איז זיין נשמה און דער גוף איז א טפל, די נשמה באקומט נאכמער כח ווען זי האט ניט די הגבלות הגוף "יתיר מבחיוהי" אויף דורכפירן איר שליחות,

מ׳דארף נאר שטייען אין **פארבינדונג**, "נלכה באורחותיו", אויף גיין אין טאג-טעגליכן לעבן לויט זיינע אנווייזונגען –

און אט-דעמאלט צוזאמען דערמיט וואס ס׳ווייזט זיך אויס אז דאס איז א דבר והיפוכו, א עניין פון הסתלקות, זאגט מען אז דאס איז א ענין פון הילולא, אז דאס קען ברייינגען צו א שמחה, וואס זי איז נאך "כיתרון האור מן החשך" – נאך א גרעסערע שמחה ווי על דרך הרגיל, און ער נוצט אויס די שמחה אין "עבדו את ה׳ בשמחה".


© 2002 Jewish Educational Media, Inc.